געדרוקט לידער אינעם זאמלבוך „יוניאָן סקווער". זײַנע דרײַ לידער אַרײַנגענו־מען אין דער מינסקער אַנטאָלאָגיע. צווישן זײַנע ניט געדרוקטע זאַכן: אַ דראַ־מע „רעלסן", וועגן דעם לעבן פון דעם אַמעריקאַנישן מעטאַל־אַרבעטער; „פּסיכאָלאָגישע געאָגראַפיע", אַ פּאָעמע אויף אַ קולטור־היסטאָרישער טעמע.

**קאַפּלאַן ריווקע.** געבוירן אין 1899 אין זעלווע, געוו. גראָדנער גוב. פאָטער אַ „פּראָשעניע"־שרײַבער. געגעבן העברעיִשע אורָאקן אין וואָלקאָ־וויסק. אין 1917 געקומען קיין אַמעריקע. זיך געדרוקט צום ערשטן מאָל אין 1918. אָנגעשריבן אַ סעריע מילכאָמע־בילדער „בלוט און טרערן" און אַ סעריע רײַזע־בילדער „קיין אַמעריקע" אין דער שיקאַגער טעגלעכער אַרבעטער־צײַ־טונג — „וועלט". אין 1920 ווערט זי אויס העברעיִשע לערערן, אַרבעט אַ גע־וויסע צײַט אין אַ שאָפּ בײַ שניַפּסן. טרעט שפּעטער, אין עטלעכע יאָר אַרום, אַרײַן אין דער קאָמפּאַרטיי, ווערט לערערן אין די קינדער־שולן פונעם אַר־בעטער־רינג. שרײַבט אַרטיקלען וועגן פרויען, קינדער און שול־פּראָבלעמעס אין דער „פרײַהײַט". אין די יאָרן 1929—1931 רעדאַקטירט די פרויען־אָפּטיי־לונג פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט". איצט אַ לערערן אין די שולן פונעם אינ־טערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן. שרײַבט איצט אַ גרעסערע נאָוועלע פונעם לעבן פון די ייִדישע מאַסן אין ניו־יאָרקער „איסט סייד".

**קאַץ מעינקע.** געבוירן אין 1905 אין סווענציאַן, געוו. ווילנער גוב. בײַ אַרבעטער־עלטערן. געקומען קיין אַמעריקע סאָף 1920. עטלעכע יאָר געשטודירט אין אַמעריקאַנער שולן. איצט אַ זייגערמאַכער פון פאַך. דאָס ערשטע ליד געדרוקט אינעם זשורנאַל „ספּאַרטאַק". האָט זיך געדרוקט קימאַט אויסשליסלעך אין דער קאָמפּרעסע. זיך אָנגעשלאָסן אינעם „פּראָלעטפּען" בײַ זײַן גרינדונג. שפּעטער געוועזן איינער פונעם רעכטן פליגל, וואָס האָט באַ־קעמפט די „פּראָלעטפּען"־פּירערשאַפט און איר ליניע אין פראַגעס פון פּראָ־לעטאַרישער ליטעראַטור. איז נאָכדעם אָוטאָמאַטיש אַרויסגעפאַלן פונעם „פּראָ־לעטפּען" און קעגן דעם באַשלוס פון דער אָרגאַניזאַציע אַרויסגעגעבן אַ בוך דעקאַדענטישע אַנטיפּראָלעטאַרישע לידער, פון וועלכן ער האָט זיך שפּעטער אָפּגעזאָגט. קאַץ האָט שפּעטער אָנערקענט זײַנע טעותן, ער איז צוריק אַרײַנ־גענומען געוואָרן אינעם „פּראָלעטפּען". די לעצטע צײַט האָט ער דעביוטירט מיט אַ צאָל לידער אין דער „פרײַהײַט" און אינעם „האַמער".

„מעינקע קאַץ קעמפט איצט זייער אָנגעשטרענגט צו באַפרײַען זיך פון דעם מיסטיציזם פון דער בורזשואַזער ייִדישער דיכטונג. „ער איז געקומען אין פּראָלעטאַרישן לאַגער מיט אַן אומגעזונטן אינטערעס פאַר דעם „געהיימ־ניספולן", „ניט־היגן" און „קראַנקן". אַריבערטראָגנדיק אָט דעם אינטערעס אויף דער אַרבעטער־וועלט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף די בוישעכדיקע ווינקלען און שפּאַלטן פון דער סאָציאַלער אָרדענונג, וווּ ער האָט אַנטדעקט קריפּלען, מאָנסטער־וועזנס, שוידער־געשטאַלטן, וואָס שווימלען—גריבלען אין געדיכטן שימל פון אַ קאַפּיטאַליסטישער גרויסשטאָט. אָנשטאָט אַוועקצושטעלן זיי אין אַ ריכטיקער פּערספּעקטיוו, אָנשטאָט צו זען עס דיאַלעקטיש, אָנשטאָט אָנצו־

ווײַזן זייער באַציִונג צום סאָציִאַלן גאַנצן און דערמיט ניט נאָר דערקלערן זייער אָפּשטאַם, נאָר אויך אָנווײַזן דעם וועג פֿון געזונט מאַכן די וויסטע ווינקלען און דערמיט אומעגלעך מאַכן דעם סאַמע קיום פֿון אַזוינע געשטאַלטן. האָט מעינקע קאַץ פֿאַרמאַכט די פֿענצטער, פֿאַרהאַקט די טירן און געבליבן הויזן מיט זײַנע קאַליקע פֿיגורן. צוליב דעם האָט זיך געמוזט באַקומען, אַז די אומגעזונטקייט איז אַ זעלבסטצוועק, האָט שוין די פֿאָרם פֿון קאַצס שרײַבן מעמיילע געמוזט צוגעפּאַסט ווערן צו שפּרייטן טומאַן, האַלבטונקל.

און דאָס האָט געהייסן — פֿאַרגוואַלטיקן מעינקע קאַצס טאַלאַנט, וואָרעם דער טאַלאַנט איז בעעמעס אַ געזונטער, ערדישער, „היגער" — גאָרניט קיין סימבאָלישער, גאָרניט קיין „פֿון־יענער־זײַטיקער". דעריבער קעמפֿט איצט מעינקע קאַצס טאַלאַנט קעגן מעינקע קאַצס ליטעראַרישער טראַדיציע און אײַנפֿלוס — און דער טאַלאַנט זיגט. מעינקע קאַץ מאַכט אַ גרויסן אָנשטרענג צו באַפֿרײַען זיך פֿון די בײנערדיקע קלאַמערן פֿון זײַנע סקעלעטן. ער גייט אַרויס אָפּ אַ ברייטן וועג"... (מ. אָלגין).

**קאָטלער יאָסל.** געבוירן אין 1896 אין שטעטל טראָיאַנאָוו (אוקראַיִנע). פֿאָטער געווען אַ קאַצעוו. נאָך זײַן טויט האָט די מאַמע געלעבט פֿון באַקן ברויט. ווי אַן אָרעמער יאָסעם, דורכגעמאַכט אַ שווערע יוגנט. ליב געהאַט פֿון קינדווײַז אָן צו „שניצן צאַצקעס" און אויך „באַקומען אַ ליידנשאַפֿט צום שיינעם בלויען טינט מיט די געווירעטע בייגעלעך פּאַפּיר". געפּרוווט נאָך צו עלף יאָר זיך לערנען פֿאַרשיידענע מעלאָכעס, צום סאָף אַרײַנגעפֿאַלן אַרבעטן צו אַ שילדן־מאָלער לויט דעם ראַט פֿון אַ פֿעטער, וואָס האָט געהאַלטן, אַז יאָסל האָט אַ טאַלאַנט צו „צייכענען מענטשעלעך". אין 1911 געקומען קיין אַמעריקע. אַ יאָר צײַט געאַרבעט ווידער בײַ אַ שילדן־מאָלער, געשריבן פּלאַקאַטן פֿאַר קינאָ־טעאַטערס, שפּעטער אוועקגעפֿאָרן צו אַ ברודער אין די דאָרעם־שטאַטן, דאָרט בײַגעוווינט, ווי מע האָט געלינטשט אַ יונגן נעגער, און „דערשמעקט דעם טאַם פֿון דער אַמעריקאַנער „פֿרײַהײַט". צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק און געאַרבעט פֿון 1913 ביז 1921 אין אַ גרעסערער שילדן־פֿאַבריק. אין 1921 אַרײַן אין דער ניו־יאָרקער קונסט־אַקאַדעמיע. דורך אַ רעוואָלוציאָנערן מאָלער פּאַס זיך באַקענט מיט דער ראַדיקאַלער באַוועגונג און אָנגעהויבן העלפֿן מיט פּלאַקאַטן און צייכענונגען די אונטערנעמונגען פֿון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. שפּעטער אַוועק קיין פֿילאַדעלפֿיע, ווו באַטאָג געאַרבעט בײַ אַ שילדן־מאָלער און גלײַכצײַטיק זיך געלערנט צייכענען אין אַן אָוונטשול. זיך באַקענט מיט מוישע נאַדירן און אונטער זײַן אײַנפֿלוס זיך גענומען אינטערעסירן מיט ליטעראַטור, אָנגעהויבן אַליין שרײַבן און אילוסטרירט מיט צייכענונגען זײַנע אייגענע ווערק.

נאָך דער גרינדונג פֿון דער „פֿרײַהײַט" אָנגעהויבן מיטאַרבעטן סײַ מיט ווערק אין גראַמען און אין פּראָזע, סײַ מיט קאַריקאַטורעס און צייכענונגען און זיך דערנעענטערט צו דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, אָבער דאָך איז ער די ערשטע יאָרן נאָך געווען פֿול מיט „פֿאַרשיידענע דעקאַדענצן, וואָס האָבן

אלוקראיִנישע וויסנשאפטלעכע אקאדעמיע
איִנסטיטוט פאר ייִדישער פראָלעטארישער קולטור
סעקציע פאר ליטעראטור אונ קריטיק

אלעקסאנדער פּאָמעראנצ

# פּראָלעטפּענ

עטיודנ אונ מאטעריאלנ צו דער געשיכטע פונ דעמ קאמפּ
פאר פּראָלעטארישער ליטעראטור איִנ אמעריקע (פ.ש.א.)

פארלאג פונ דער אלוקראיִנישער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע
קיִעוו ■ 1935

פאראנטוו. רעדאקטער — מ. ל ע ו י ט א נ.
טעכנישער רעדאקטער — ב אָ ג א י ע ו־
ס ק י. קאָרעקטאָר —כ. ל יי ב אָ ו י ט ש.
פאפיר 38—$^1/_{10}$—62×94 קג. 8 דרוק־
בויגנ. אינ 1 פאפיר־בויגנ 96 000 צייכנס.
טיראזש 1 500 עקז. פארלאג ש—47 №.
2־טע אינטערנאציאָנאלע דרוקעריי, אופ״ט.
קיִעוו, רויטער פלאצ 2־a. באשט. 1127.
באפולמ. פונ קיִעווער געגנטליט № 779.
אָפגעגעבנ אינ זאצ 16/VII—1934, אונ־
טערגעשריבנ צומ דרוק 27/XII—1934.

דערלויבט ארויסצולאָזנ פונ דרוק. באשטענדיקער
סעקרעטאר פונ דער אלוקראַינישער וויסנשאפט־
לעכער אקאדעמיע אקאדעמיקער י. י. א ג אָ ל.

# אינהאלט


זײַט

I. אפּנהעג צום „פּראָלעטפּען" ..... 7

די ייִדישע בורזשואזע פּרעסע אין אמעריקע ..... 12

„די פֿרײַהײַט" — „מאָרגן־פֿרײַהײַט" ..... 18

דער „יונגער ארבעטער־שרײַבער־פֿאריין" ..... 28

דער זשורנאל „יונג־קוזניע" ..... 32

דער זשורנאל „יוגנט" ..... 46

די פּראָלעטארישע שרײַבער־גרופּע „יוניאָן סקוועער" ..... 53

דער „פֿרײַהײַט"־שרײַבער־פֿאריין ..... 66

II. דער פֿארבאנד פֿון פּראָלעטארישע שרײַבער אין אמעריקע

„פּראָלעטפּען" ..... 79

לייוויק־אדע ..... 105

זאמלבוך „יוניאָן סקוועער" ..... 153

דעקלאראציע פֿון „פּראָלעטפּען" ..... 169

„דער סיגנאל" ..... 184

III. ביא־ביבליאָגראפֿיע פֿון די „פּראָלעטפּען"־מיטגלידער ..... 193

„פראָלעטפען״—דער פארבאנד פון פראָלעטארישע שרײַבער אין אמעריקע— איז די גרעסטע אָרגאניזאציע פון דער ייִדישער פראָלעטארישער ליטעראטור אין די קאפיטאליסטישע לענדער. דער „פראָלעטפען״ ציילט ארום 80 מיטגלידער.

דער „פראָלעטפען״, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן צום סאָף 1929־טן יאָר, איז, פארשטייט זיך, ניט ארויסגעשפרונגען פון העלער הויט. ביזן „פראָלעטפען״ האָבן אין אמעריקע עקזיסטירט דרײַ אָרגאניזאציעס פון ייִדישער פראָלעטארישער ליטעראטור: דער „יונגער ארבעטער־שרײַבער־פאריין״ (1924), די פראָלעטארישע שרײַבער־גרופע „יוניאָן סקווער״ (1928), דער „פרײַהײַט״־שרײַבער־פאריין״ (1929).

די ערשטע שרײַבער־אָרגאניזאציעס, די פאָרגייער פונעם „פראָלעטפען״, האָבן אפילע געהאט ארויסגעגעבן אייגענע אָרגאנען: די זשורנאלן „יונג־קוזניע״, „יוגנט״ און „ספארטאק״.

אייגנטלעך גערעדט, הייבט זיך אָן די פאָרגעשיכטע פון „פראָלעטפען״ מיטן דערשײַנען פון דער „פרײַהײַט״. ווי מיר ווייסן, האָט זיך אין 1919־טן יאָר געגרינדעט די אמעריקאנישע קאָמוניסטישע פארטיי. ס׳האָבן זיך אין דער אמעריקאנישער סאָציאַליסטישער פארטיי און אין אלע אנדערע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע רעפאָרמיסטישע אָרגאניזאציעס אָנגעהויבן שפּאלטונגען לויט דער ליניע פון קאָמוניזם און אנטי־קאָמוניזם. נײַע רעוואָליוציאָנערע קרייזן זײַנען געקומען צום וואָרט אין דער אמעריקאנישער ארבעטער־באַוועגונג. דער זעלביקער פּראָצעס קומט פאָר, נאטירלעך, אויך צווישן די ייִדישע ארבעטער פון אמעריקע, און אין פארבינדונג דערמיט ווערט געשאפן „די פרײַהײַט״, וועלכע האָט אָנגעהויבן דערשײַנען אין אפּרעל 1922.

אין דער זעלביקער צײַט קומט אויף צווישן די ייִדישע ארבעטער א ריי מאסעווע רעוואָליוציאָנערע אָרגאניזאציעס: רעוואָליוציאָנערע פּראָפאריינען, ארבעטער־קלובן, קאָאָפּעראטיוון, „קעמפּס״ (זומער־אָפּרו־פּלעצער), „פרײַהײַט״־געזאנג־פאריינען, דראמאטישע גרופּעס, פארטיי־שולן, קינדער־שולן. מיט אָט דעם אויפברויז צווישן די ייִדישע ארבעטער איז טאקע ענג פארבונדן די גרינדונג פונעם ערשטן יונגן ארבעטער־שרײַבער־פאריין, פון דער ערשטער פּראָלעטארישער שרײַבער־אָרגאניזאציע אין אמעריקע.

די צוועלף יאָר, וואָס „די פרײַהײַט״ עקזיסטירט, זײַנען אויך יאָרן פון קאמף פאר א פּראָלעטארישער ליטעראטור אין אמעריקע. דאָס דערשײַנען פון דער „פרײַהײַט״ האָט אויפגערודערט די ייִדישע ארבעטער־מאסן. נײַע, יונגע ארבעטער־שרײַבער האָבן זיך אָנגעהויבן דרוקן אין דער צײַטונג פונעם ערשטן טאָג פון איר דערשײַנען. זיי האָבן דורך דער צײַטונג ארײַנגעבראכט אין דער

ליטעראַטור נײַע טעמעס, אַ נײַע באַלויכטונג פונ דערשײַנונגענ, מיט אײנ װאָרט—אַ פראָלעטאַרישנ צוגאַנג. דאָס באַטײַט אָבער ניט, אַז װי נאָר „די פרײַהײַט" איז געװאָרנ געגרינדעט, האָט מענ דאָרט באַלד אָנגעהויבנ דרוקנ אויסגעהאַלטענע פראָלעטאַרישע ליטעראַטור, אָדער מע האָט כאָטש גערעדט װעגנ דער נײטיקײַט פונ אַ פראָלעטאַרישער ליטעראַטור.

ס'איז אַ פאַקט, אַז ביז דער גרינדונג פונעם „פראָלעטפענ" האָבנ דאָס אָנגעזעענסטע אָרט אינ דער „פרײַהײַט" געהאַט פאַרנומענ די שרײַבער, װאָס זײַנענ אַריבערגעקומענ פונ דער דעקאַדענטיש־נאַציאָנאַליסטישער ליטעראַרישער גרופּע „יונגע", װעלכע איז געװענ קאָנצענטרירט אַרומ די זאַמלביכער „שריפטנ".

שװער, זײער שװער איז דער יונגער יידישער פראָלעטאַרישער ליטעראַטור אינ אַמעריקע אָנגעקומענ אירע ערשטע טריט. עס האָט די ערשטע צײַט געפעלט די סיסטעמאַטישע אָנפירונג מיט דער ליטעראַטור מיצאַד דער פאַרטײ. עס האָט געפעלט די מאַרקסיסטישע קריטיק, װאָס זאָל העלפנ אױפשטעלנ ריכטיק אונ קאָנקרעט די פראָבלעמעס פונ דער אַמעריקאַנישער פראָלעטאַרישער ליטעראַטור.

דער יונגער אַרבעטער־שרײַבער האָט אינ אַ געװיסער מאָס אַלײנ געדאַרפט זוכנ אונ געפינענ דעמ װעג. ער האָט אָפטמאָל מיט די אײגענע קויכעס געדאַרפט פירנ אַ קאַמפ קעגנ די אָנגעהױבעטע קלאַסנפײַנטלעכע טראַדיציעס, קעגנ די בורזשואַזע אײַנפלוסנ. די יונגע אַרבעטער־שרײַבער איז אויסגעקרמענ אויסצושומידנ זײער אידעאָלאָגיע אינעמ פראָצעס פונ אָפּשטויסנ זיכ פונ פרעמדע קלאַסנ־װירקונגענ אונ פונ גויװער זײַנ זײ, אינעמ קאַמפ פאַר באַפרײַענ זיכ פונעמ בורזשואַזנ עסטעטיזמ, װאָס די אַמעריקאַנער „יונגע" האָבנ אַרײַנגעבראַכט אינ זײער אָפּגאַנג־ליטעראַטור.

די דירעקטע אָנפירונג מיצאַד דער קאָמפּאַרטײ, װעלכע האָט אינ די שפּעטערדיקע יאָרנ באַקומענ אַ מער סיסטעמאַטישנ כאַראַקטער, די פראָלעטאַרישע קלאַסנ־באַװעגונג, דער אײַנפלוס פונ דער אָקטיאַבער־רעװאָליוציע אונ פונ דער פראָלעטאַרישער ליטעראַטור אינ ראַטנפאַרבאַנד העלפנ דעמ אַמעריקאַנישנ אַרבעטער־שרײַבער גויװער צו זײַנ אַלע סוביעקטיװע אונ אָביעקטיװע שטערונגענ. זײ העלפנ אימ צו באַפרײַענ זיכ פונ די אינדיװידואַליסטישע טענדענצנ. זײ העלפנ אימ צו געפינענ זײַנ אָנשפאַר אינ דער פראָלעטאַרישער רעװאָליוציאָנערער װירקלעכקײַט. זײ גרענגענ אימ צומ „פראָלעטפענ"!

---

8. עלטער. ביז 32 יאָר — 25, ביז 36 — 11, ביז 42 — 18, ביז 50 און העכער — 21.

9. וויפל ביכער שוין ארויסגעגעבן און צוגעגרייט צום דרוק? פּראָזע — 85, לידער — 41, דראמעס — 21, איבערגעזעצטע ביכער פון אנדערע שפּראכן — 32 (אכוץ צענדליקער בראָשורעס).

10. וויפל ארויסגעגעבן זינט דער גרינדונג פונעם „פּראָלעטפּען"? — פּראָזע — 10, לידער — 8, דראמעס — 4. וויפל גרייט צום דרוק? — פּראָזע — 33, לידער — 25, דראמעס — 14.

## פארלאג־פּראָבלעם

די לעצטע ציפערן סיגנאליזירן וועגן אן אָנגעווייטעקטער פראגע אינעם „פּראָלעטפּען" — דאָס איז דער פארלאג־וועזן. ס'פעלט קימאט אינגאנצן א פארלאג, וואָס זאָל ארויסגעבן בעלעטריסטישע ווערק. דער „פּרייַהייט"־פארלאג איז זייער באגרענעצט לויט זיינע פינאנציעלע מעגלעכקייטן, ער גיט זעלטן ארויס א בעלעטריסטיש בוך, סיידן פון גאָר א בארימטן שרייבער, וועגן מע ווייסט פון פריער, אז דאָס בוך וועט זיך שנעל פארקויפן, און מע וועט צו דעם ניט צולייגן. און דער פארלאג פון דעם אינטערנאציאָנאלן ארבעטער־אָרדן גיט ארויס בלויז טעקסט־ביכער, כרעסטאָמאטיעס, אנטאָלאָגיעס און פּאָליטיש־געזעלשאפטלעכע ווערק.

דערפון נעמט זיך אזא פאקט, וואָס זינט דער „פּראָלעטפּען" עקזיסטירט האָט מען ארויסגעגעבן סאכאקל א וואָסערע 20 ביכער, בייס די שרייבער האָבן גרייט צום דרוק העכער 70 ביכער. די שרייבער קומט אויס אליין ארויסצוגעבן זייערע ביכער. דאָס איז פארבונדן מיט גרויסע הויצאָעס, און זייער ווייניק שרייבער האָבן די נייטיקע פינאנציעלע מיטלען דערצו.

און זאָל מען דערפון ניט מאכן דעם אויספיר, אז די שרייבער, וואָס האָבן אָפּגעדרוקט מער ביכער, שטייען העכער פון די אנדערע, וואָס האָבן ווייניקער געדרוקט, אז מע האָט זיי דערפאר אָפּגעגעבן דעם פאָרצוג. אָפט איז דאָס אָפּדרוקן א ביכל ניט מער ווי א רעזולטאט פון פערזענלעכער איניציאטיוו און אקשאָנעסדיקייט מיצאד די שרייבער אָדער זייערע נאָענטע פריינט, און דאָס באווייזט בעשומויפן ניט, אז אפ די ווערק איז דאָ א גרעסערער נאָכפרעג באם ארבעטער־לייענער, אָדער אז זיי זיינען בעסערע ווערק. דער מאנגל אין א פארלאג טאָרמאָזירט די אנטוויקלונג פון דער פּראָלעטארישער ליטעראטור אין אמעריקע. דער „פּראָלעטפּען" וועט דארפן אָנעמען ערנסטע מיטלען צו לייזן די פארלאג־פּראָבלעם.

קיעוו, יאנוואר — סענטיאבער, 1933 י.